# מיט א טיפערן בליק

## פרשת בהעלותך תשפ"ה

## חינוך - אן אייביגע פלאם

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

אין די ערשטע טייל פון אונזער פרשה געפונען מיר דעם ענין פון הדלקת הנרות, די עבודה פון אנצינדן די מנורה אינעם משכן און בית המקדש יעדן טאג, וואס השי"ת האט געהייסן איבערגעבן פאר אהרן הכהן, "דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֵלָיו בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת".

**רש"י הק'** ברענגט פארוואס שטייט נאנט די פרשה פון די מנורה צו די פרשה פון די קרבנות הנשיאים (וועלכע געפונט זיך סוף פרשת נשא), וויבאלד אהרן הכהן האט געזען ווי אלע נשיאים פון אלע שבטים האבן זוכה געווען צו ברענגען גרויסע און חשוב'ע קרבנות אין די טעג וואס מ'האט באנייט דעם משכן, און נאר ער - אהרן הכהן און זיין שבט האבן נישט געהאט קיין חלק אין די קרבנות, האט ער געהאט חלישות הדעת דערפון, דעריבער האט השי"ת געהייסן איהם מבשר זיין אז ער האט א גרעסערע עבודה געאייגענט ספעציעל פאר איהם, "חייך שלך גדולה משלהם שאתה מדליק ומטיב את הנרות" דו וועסט האבן די מצוה פון אנצינדן די מנורה.

נאך ברענגט **רש"י** צוויי דרשות אויפן ווארט 'בהעלתך' וואס איז א לשון פון 'עֲלִיָה' און ארויפגיין, "שצריך להדליק עד שתהא שלהבת **עולה** מאליה" דער כהן האט געמוזט אנצינדן יעדע ליכטל בשלימות און וואַרטן ביז די קנויט ברענט גוט און די פלאַם גייט ארויף פון זיך אליין. די צווייטע דרש איז אז ס'איז געווען טרעפ פאר די מנורה אויף וועלכע דער כהן איז 'ארויפגעגאנגען' און געשטאנען דארט בשעת ער האט אנגעצינדן די מנורה.

לאמיר זיך אביסל פארטיפן אין די דערמאנטע ענינים, און מדייק זיין עטליכע זאכן: צום ערשט דארף מען פארשטיין וויאזוי איז די עבודה פון הדלקת הנרות א פיוס פאר אהרן אויף דעם וואס ער האט נישט געהאט קיין חלק אין די קרבנות ביי די חנוכת המשכן? על פי פשטות מיט אונזער שכל וואלטן מיר פארשטאנען אז צו זיין א חלק פון די וואס נעמען אנטייל ביים באנייען די משכן, איז מער ווי טוהן א געווענליכע טאג טעגליכע עבודה. דעמאלטס ביים חנוכת המשכן איז געווען א ספעציעלע שמחה פון התחדשות און דערהויבנקייט, דאגעגן אן עבודה וואס מ'טוט יעדן איינציגסטן טאג האט נישט די מעלה, אויב אזוי פארוואס האט השי"ת דאס געגעבן פאר אהרן הכהן צו בארואיגן זיין חלישות הדעת?

אזוי אויך די צוויי אנדערע דרשות וואס רש"י ברענגט, "עד שתהא שלהבת עולה מאליה" מען דארף ווארטן ביז די פלאם גייט ארויף, וואס איז דער ענין דערפון? על פי רוב ווען מען צינדט אָן א פלאם דארף מען סיווי ווארטן אז עס זאל זיך אנכאפן אינעם קנויט, וואס באדייט דא די באזונדערע ציווי אז די פלאם דארף ארויפגיין? און וואס איז א נפקא מינא אויב מען ווארט יא אדער נישט?

און דאס וואס חז"ל זאגן אז ס'איז געווען טרעפ פארנט פון די מנורה, פארוואס האט טאקע אויסגעפעלט די טרעפ? אפילו אויב דער כהן האט נישט געקענט דערגרייכן מיט די הענט ביז אויבן, וואלט ער נאך אלס געקענט אנצינדן דורך א שיינעם צינדער שטייענדיג אויפן ערד. וואס איז די תכלית פון די טרעפ און וואס קומט עס אונז לערנען?

**די תכלית פון חינוך - גם כי יזקין לא יסור ממנו**

דאסמאל איז אונזער שמועס געבויט אויף דער ענין פון חינוך, די עבודה וואס מיר דארפן אריינלייגן אין אונזערע קינדער און תלמידים זיי מחנך צו זיין ריכטיג און זיי אוועקשטעלן אויף פעסטע יסודות, למען יעמדו ימים רבים, וואס דערמיט וועלן מיר בעזר השי"ת זוכה זיין צו באלייכטן די פרשה פון הדקלת הנרות און זעהן וואס עס לערנט אונז.

צום ערשט לאמיר זיך אפשטעלן און זיך אליינס פרעגן, וואס מיינט דאס 'חינוך' און וואס איז איר באדייט? וויאזוי איז מען מחנך און וואס איז די ציל דערפון?

צומאל מאכן מענטשן א טעות און זיי מיינען אז 'מחנך' זיין א קינד איז טייטש ווען מען פירט דאס קינד און מען גיבט איהם אנווייזונגען אויף יעדן טריט, מען באפעלט איהם שטענדיג און מ'הייסט איהם וואס יא צו טוהן און וואס נישט. מען שטייט שטרענג אויפן וואַך אז דאס קינד זאל זיך נישט טוהן אנדערש ווי מען האט איהם געלערנט, און דערמיט איז מען איהם 'מחנך' און מען לערנט איהם די וועג וויאזוי זיך צו פירן...

די מציאות איז אבער אז דאס איז בכלל נישט קיין חינוך! אויב די גאנצע חינוך איז נישט מער ווי א טעכנישע וועג פון קאנטראלירן דאס קינד, שטיין און איהם זאגן ווען יא און ווען נישט, און אויב וויל ער טוהן עפעס וואס איז נישט ריכטיג וועלן מיר איהם צוריקהאלטן מיט געוואלד, דאן וועט עס נישט האבן קיין ווייטגרייכנדע השפעה אויף איהם. אויב מען בויעט נישט אויף זיין נפש צו וויסן און שפירן באמת וואס איז גוט און וואס נישט, צו פארשטיין און דערהערן וויאזוי א איד דארף זיך פירן, און ארבעטן אויף זיך צו האלטן דערביי באמת, נאר מען באפעלט איהם ווי א 'ראבאט' צו טוהן אזוי אדער אזי, אבער אינעווייניג אין זיין הארץ גלוסט ער צו פארשידענע זאכן און ער דערהערט נישט די חסרון און די שעדליכקייט דערפון, דעמאלטס וועט ער לויפן דערצו אין די ערשטע רגע וואס ער קען נאר. אין די מינוט וואס זיינע עלטערן דרייען אוועק דעם קאפ און קוקן אין אן אנדערן ריכטונג וועט דאס קינד פראבירן צו טוהן וואס זיין הארץ באגערט, וויבאלד ביז יעצט איז ער פשוט געווען 'באגרעניצט' דאס נישט צו קענען טוהן. פונקט ווי א ווילדע חיה וואס מען שפאַרט איין אין א שטייג אדער מען בינדט עס צו מיט שטריק, אבער ווי נאר די שטריק ווערט לויז דאן גייט אלעס צוריק צום אלטן.

שלמה המלך זאגט אונז שוין אין משלי (כ"ב ו') "**חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה**" די תכלית פון חינוך איז זיך אפצוגעבן מיט'ן קינד און איהם אוועקשטעלן אויף די ריכטיגע רעלסן, דערגרייכן די טיפקייטן פון זיין נפש און איהם 'אויסלערנען' וואס איז ריכטיג און וואס איז נישט. דורכ'ן מחנך זיין א קינד ווי עס דארף צו זיין טוען מיר אריינבאקן אין איהם די וויכטיגע יסודות פארן לעבן, וואס איז ריכטיג צו טוהן און וואס נישט, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט, וואס מען מעג און וואס מען טאר נישט. אויב מיר מאכן דאס קינד פאר א כלי קיבול וואס קען דערהערן און פארשטיין, דאן וועט דאס איהם באגלייטן

אויף שטענדיג, עס ווערט א חלק פון זיין עצם מהות, ער שיינט און ער לייכט, און אפילו אין זיינע עלטערע יארן וועט ער זיך נישט אפקערן פון די גוטע דרכים וואס מען האט איהם געלערנט, ווייל דעמאלטס האבן מיר ארויפגעברענגט דעם קינד צו א העכערן שטאפל, ער שפירט עס און לעבט דערמיט, נישט ווי געצוואונגען דורך זיינע עלטערנ'ס באפעלן.

**יעדע נשמה איז הייליג מען דארף עס נאר אויפדעקן**

לאמיר כאפן א בליק אין די לעכטיגע ווערטער פונעם בארימטן צדיק און מחנך נפלא בדורו **דער פיאסעצנער רבי זי"ע - הרה"ק רבי קלונימוס קלמיש שפירא הי"ד** וועלכער שרייבט אין די הקדמה פון זיין ספר **חובת התלמידים**: "שלמה המלך אמר במשלי חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנה, זה הוא עיקר החינוך, שלא בלבד בשעה שהנער נער, ויד אביו עודה תקיפה עליו ישמע לו ויעשה כמצותיו, רק גם כשיגדל והוא ברשותו, אף כי יזקין לא יסור ממנה. **כי החינוך לא ציווי לבד הוא, שמצוה את בנו או תלמידו עֲשֵׂה כך וכך, גם לא הרגל בלבד הוא, שמרגילו לעשות מעשים טובים.** יותר גדול ויותר פועל מן הצווי ומן ההרגל הוא ה'חינוך', ושני אלה הצווי וההרגל רק כלי תשמישו הם, שהמחנך מוכרח להשתמש בהם, לצוותו ולהרגילו, כדי לחנכו בדרך השם". דאס הייסט, אודאי דארף דער מחנך באַפעלן פארן קינד צו טוהן געוויסע זאכן און איהם פראבירן איינצוגעוואוינען צו געוויסע הנהגות. מיר מוזן זיך באנוצן מיט די כלים פון 'ציווי' און 'רגילות' אלס חלק פון אונזער חינוך, דאס איז א געוויסע מיטל וויאזוי מען קען פועל'ן ביים קינד זיך אויסצולערנען צו טוהן געוויסע זאכן. אבער דאס איז נישט די ענדגילטיגע ציל. מיר ווילן נישט אז דאס קינד זאל ארבעטן בלויז ווייל מ'האט איהם געהייסן אדער ווייל מ'האט איהם אזוי צוגעוואוינט. נאר מיר ווילן אז ער זאל שטיין אויף די אייגענע פיס, מיר ווילן אריינבאַקן אין איהם טיף אינעווייניג די יסודות פון אידישקייט און קיום התורה והמצוות אז ער זאל דאס באמת וועלן טוהן.

אביסל ווייטער שרייבט דער חובת התלמידים איבער די מהות פון חינוך: "**וְכֵיוָן שֶׁהָאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי עוֹד בְּיַלְדוּתוֹ רוּחַ ה' נִשְׁמַת שַׁדַּ-י טְמוּנָה וּגְנוּזָה בּוֹ, צְרִיכִים לְגַדֵּל וּלְחַנֵּךְ אוֹתוֹ לְהוֹצִיאָהּ לְגַלּוֹתָהּ וּלְהַפְרִיחָהּ,** וְהָיָה לִיהוּדִי נֶאֱמָן עוֹבֵד אֶת ה', בְּתוֹרָתוֹ מֵעַצְמוֹ יַחְפֹּץ, וּמִדַּרְכּוֹ גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר... וְעַל זֶה צִוָּה שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ חֲנוֹךְ לַנַּעַר וְכוּ', תְּחַנְּכוֹ, **אֶל קִרְבּוֹ תַּחְדּוֹר, וְאֶת קְדֻשַּׁת הַיִּשְׂרְאֵל אֲשֶׁר בּוֹ בְּהֶעְלֵם תְּגַלֶּה,** וְרַק אָז גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה".

יעדע אידיש קינד ווערט געבוירן מיט א חלק אלקי ממעל און א ריינע נשמה, מען דארף נאר צוקומען דערצו, מען דארף עס אנצינדן און אויפלייכטן, און מאכן אז ער זאל פון זיך אליין וועלן זיין אן ערליכער איד און גיין אין די וועגן פון די תורה. דאס מיינט חנוך לנער על פי דרכו, קום אָן צו זיין פנימיות, דרינג אריין אין זיין נשמה, פראביר אויפצודעקן זיינע גוטע חלקים און ארויסברענגען זיינע כוחות און כשרונות און אזוי וועט ער וועלן זיין גוט אלעמאל און זיך פירן בדרך הטוב והישר.

**מיר דארפן זעהן זייער שיינקייט און זייערע כוחות**

נאך זאגט דער חובת התלמידים אז יעדער מלמד און טאטע דארפן וויסן אז זיי זענען ווי א גערטנער וואס איז געשטעלט געווארן צו בעארבעטן דעם אייבישטער'ס גארטן כביכול. יעדע נשמה האט גאר א גרויסע עתיד פאר זיך, און די תפקיד פונעם מחנך איז זיך אפצוגעבן דערמיט ווען ס'איז נאך קליין און יונג, דאס צו היטן, באוואסערן, און טוהן פעולות אז ס'זאל וואקסן שיין און גוט.

אפילו ווען ס'מאכט זיך חלילה אמאל א שווערע קינד, א קינד וואס זיינע נאטורן און מידות זענען נישט די בעסטע, דארף מען וויסן און געדענקן אז דאס איז נאר א דרויסנדע שיכט פון א יונגע פרי, אבער אינעווייניג איז פיל מיט זיסקייט און געשמאק. "**אֵין מדה וטבע רע בהחלט בילד ישראל, הורונו קדושי ישראל הבעל שם טוב ותלמידיו אחריו זצ"ל, רק שצריכים לדעת איך לשמש בהם ולגדלם".** דער בעש"ט זי"ע לערנט אונז אז ס'איז נישט פארהאן קיין איין מידה אין א אידיש קינד וואס איז אינגאנצן שלעכט, מען דארף פשוט וויסן וויאזוי עס אויסצוארבעטן און אויסלערנען פארן קינד אויף וועלכע אופנים צו נוצן די מידה. לדוגמא, ווען א קינד איז אן עקשן, איז שטארק מעגליך אז דאס וועט אין די צוקונפט זיין פון זיינע גרעסטע מעלות. ווען ער וועט עלטער ווערן וועט ער מקבל זיין אויף זיך די עול תורה מיט א שטארקייט, ער וועט זיך קענען האלטן פעסט מיט עקשנות און מסירות נפש אין יעדע זאך וואס ער טוט, און נישט זיך וואַקלען אהין און אהער שוואכערהייט. און אזוי ווייטער ביי יעדע איינציגסטע מידה און תכונה, אלעס קען ווערן אויסגענוצט צום גוטן, און מיט די ריכטיגע חינוך און הדרכה קען מען דאס באוויזן אויף למעשה.

בהמשך דבריו ברענגט דער חובת התלמידים א דבר נפלא בשם דער **של"ה הקדוש זי"ע** אויפן פסוק (משלי ט' ח') אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ הוֹכַח לְחָכָם וְיֶאֱהָבֶךָּ. ווען מ'וויל איינעם מוסר זאגן אדער אויסלערנען צו פארבעסערן זיינע וועגן, דאן זאג איהם נישט זיין חסרון, "אַל תּוֹכַח לֵץ פֶּן יִשְׂנָאֶךָּ" רוף איהם נישט אָן א לֵץ, ברענג נישט ארויס זיינע שוואכקייטן ווייל דעמאלטס וועט ער דיר נאר פיינט האבן, און דיין מוסר וועט גארנישט אויפטוהן. "הוֹכַח לְחָכָם" ענדערש זאלסטו איהם זאגן **דו ביסט אזוי קלוג, ביסט דאָך אזוי וואויל, ס'איז ממש א שאד אז אזא איינער ווי דיר זאל טוהן אזעלכע זאכן, ווען מ'רעדט אזא סארט שפראך איז אסאך מער צו ערווארטן אז מ'וועט אנצינדן א פייער אין זיין הארץ,** וְיֶאֱהָבֶךָּ, ער וועט דיר ליבן האבן פארן מוסר זאגן און אויסלערנען צו טוהן וואס איז ריכטיג.

דאס האט שוין דער של"ה הקדוש געזאגט מיט איבער פיר הונדערט יאר צוריק! אז די וועג פון מוסר זאגן איז ווען מ'אַנערקענט יענעמ'ס מעלות און מען ערוועקט איהם צו נוצן זיינע כוחות און כשרונות צום גוטן. דערפון לערנט דער פיאסעצנער רבי זי"ע ארויס, אז דאס איז דער שליסל צו חינוך, "**צריך המלמד והאב לחפש אחר איזה מדה טובה שיש בתלמיד, ולשבחהו בה ויחזקהו לאמר, כמה הַכְּשָׁרָה ויכולת של גדלות בתורה ועבודה וכו' עומדת לך למטרה, ואם רק תעבוד תגיע אליהן".**

מיר דארפן זוכן די גוטע נקודות אין אונזערע קינדער און זיי שטארקן און מוטיגן אז זיי זאלן ארבעטן דעראויף און עס אויסנוצן צום גוטן. מיר דארפן טרעפן זייער אוֹר, זייער שיינקייט און ליכטיגקייט, און דורכדעם באלייכטן זייערע נפשות, מאכן אז זיי זאלן וועלן זיין גוט, זיי געבן א געשמאק צו טוהן גוטס, זיי זאלן אליינס האלטן דערביי, און דעמאלטס וועט טאקע מקויים ווערן "גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה" זיי וועלן זיך נישט אוועק קערן פון די גוטע דרכים אפילו ווען זיי זענען עלטער, אפילו ווען די טאטע מאמע שטייען שוין נישט איבער זיי מיט א שטעקן צו זיין וואויל, ווייל דאס וועט זיין טייל פון זייער מציאות און זייער נפש, זיי וועלן לעבן דערמיט בעזרת השי"ת!

## די אידן נאך מתן תורה זענען געווען כתינוק הבורח מבית הספר

לאמיר כאפן א בליק אין די המשך הפרשה, וואו די תורה הקדושה דערציילט אונז (י' ל"ג) וַיִּסְעוּ מֵהַר ה' דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים, די אידן האבן זיך אוועקגעצויגן פונעם בארג סיני, געווען איז דאס אינמיטן חודש אייר פונעם צווייטן יאר נאך יציאת מצרים, דאס הייסט אז נאכן וויילן נעבן דעם בארג סיני פאר קרוב צו א יאר (זינט אנהייב חודש סיון ביי מתן תורה מיט א יאר פריער) איז געקומען די צייט ווען מ'האט זיך געדארפט אוועקציען פון דארט און גיין ווייטער אין מדבר.

דערנאך שטייט די פסוקים פון וַיְהִי בִּנְסֹעַ הָאָרֹן וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה קוּמָה ה' וגו', און פון דארט איז די תורה ממשיך צו דערציילן וואס האט פאסירט נאכדעם, וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים רַע בְּאָזְנֵי ה' וגו' די אידן האבן זיך אנגעהויבן צו באקלאגן און אפרעדן, און דערנאך שטייט ווייטער וְהָאסַפְסֻף אֲשֶׁר בְּקִרְבּוֹ הִתְאַוּוּ תַּאֲוָה וַיָּשֻׁבוּ וַיִּבְכּוּ גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמְרוּ מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר, די ערב רב האבן געגלוסט פלייש, און די אידן האבן זיך מיטגעכאפט מיט זייערע תאוות און אנגעהויבן צו וויינען און זיך אפרעדן דערוועגן.

די גמרא אין **מסכת שבת** (דף קט"ז. רש"י דערמאנט עס דא בקיצור) ברענגט א ברייתא אז די פרשה פון ויהי בנסוע ווערט אנגעצייכנט מיט ספעציעלע סימנים פון ביידע זייטן, [ווי מיר געפונען טאקע אין אונזערע ספרי תורה אז ס'איז פארהאן א 'נוּן הַפוּכָה' א אויסגעדרייטע אות נ' איידער די ווערטער ויהי בנסוע, און אויך ביים ענדע נאך די ווערטער רבבות אלפי ישראל]. רבי שמעון בן גמליאל ערקלערט וויבאלד די פרשה פון ויהי בנסוע הארון באלאנגט נישט אהער, ס'וואלט באמת געדארפט שטיין אין פרשת במדבר דארט וואו די תורה רעכנט אויס די דגלים פון אלע שבטים און די סדר וויאזוי מ'פלעגט זיך ציען ביי אלע מַסָּעוֹת אינעם מדבר, דארט וואלט געדארפט שטיין "ויהי בנסוע הארון" אויך. נאר די תורה האט עס ספעציעל אריינגעשטעלט דא אין פרשת בהעלותך צו מאכן א הפסק צווישן די צוויי פרשיות וואס רעדן זיך פון נישט קיין גוטע זאכן; פריער שטייט "וַיִּסְעוּ מֵהַר ה'" וואס דאס באדייט אז אידן האבן זיך ח"ו אוועקגעקערט פון השי"ת, און נאכדעם שטייט די פרשה פון די מתאוננים ווי די אידן האבן זיך באקלאגט, און דעריבער שטייט אינצווישן די פרשה פון ויהי בנסוע כדי צו מאכן א הפסק. דאס באדייט די ספעציעלע סימנים פון ביידע זייטן, אז דא איז נישט איר ריכטיגע פלאץ, און לעתיד לבא וועט השי"ת טאקע ארויסנעמען ויהי בנסוע פון דאנעט און עס אריינשטעלן אינעם פלאץ וואו ס'באלאנגט.

**תוספות** דארט אין מסכת שבת ברענגט בשם דער **מדרש** אז בשעת עס איז פאַרגעקומען "וַיִּסְעוּ מֵהַר ה'" - ווען די אידן זענען אוועקגעגאנגען פונעם בארג סיני, זענען זיי אנטלאפן ווי א "תינוק הבורח מבית הספר" ווי א קינד וואס לויפט אוועק פון חדר אין די מינוט וואס מ'לאזט איהם גיין.

וואס דאס איז ממש דער ענין וואס מיר האבן פריער געשמועסט. די תורה הקדושה דערציילט אונז דא אז הגם די אידן האבן טאקע מקבל געווען די תורה און געשריגן נעשה ונשמע, זענען זיי אבער נישט געווען באמת אויף די מדריגה, זיי האבן נאכנישט געהאלטן דערביי מיט זייער גאנצע הארץ און נשמה, עס איז נישט געווען א חלק פון זייער מציאות. והא ראיה אז אין די מינוט וואס מ'האט זיך געדארפט אוועקציען פון דארט זענען זיי אנטלאפן כתינוק הבורח מבית הספר, און ס'איז געווען וַיִּסְעוּ מֵהַר ה' זיי האבן זיך אוועקגעקערט פונעם אייבישטער רח"ל... און די המשך דערפון איז געווען גאר ביטער, וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים רַע בְּאָזְנֵי ה' וגו', וַיָּשֻׁבוּ וַיִּבְכּוּ גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, און אזוי ווייטער.

ווילאנג זיי זענען געווען ביים בארג סיני האבן זיי זיך נאך געפירט ווי עס דארף צו זיין, זיי זענען נאך געווען אונטערן רושם פון קבלת התורה, אבער נאכדעם האט דאס שוין נישט געהאט קיין קיום, און זיי זענען צוריקגעלאפן צום אלטן.

בדרך רמז קען מען דא מרמז זיין, די פסוקים פון "ויהי בנסוע הארון" רעדן פון ווען די ארון האט זיך געצויגן פון איין פלאץ צום אנדערן, ווי אונזער מנהג איז טאקע אז מיר זאגן די פסוקים ווען מען נעמט ארויס דעם ספר תורה פונעם ארון קודש. ווילאנג די ספר תורה רוהט אויף איר באשטימטע אָרט איז עס אודאי אפגעהיטן און געהאלטן בדרך כבוד, דארט איז איר נאטורליכע פלאץ און דארף נישט קיין באזונדערע שמירה אדער ספעציעלע דינים איר מכבד צו זיין. דוקא ווען די ספר תורה פאַרלאָזט איר באשטימטע אָרט, ווען עס וואַנדערט אוועק פון פלאץ, דארט דארף עס די עיקר שמירה און כבוד, דארט זענען שוין דא דינים וויאזוי מען דארף זיך אויפפירן ווען א ספר תורה קומט ארויס.

דאס איז מרמז אויף דער דרך החינוך פון יעדן איינציגסטן אידיש קינד אין יעדן דור. ווילאנג דאס קינד געפונט זיך אין די באשיצטע ארט אונטער די פליגלען פון זיין טאטע און מאמע וואס געבן אכטונג אויף איהם און ווייזן איהם וואס צו טוהן אויף טריט און שריט, דארט איז נישט קיין קונץ צו זיין אן ערליכער איד, דארט האט מען כסדר די נויטיגע שמירה, און מען טוט וואס מען מוז. פונקט ווי כלל ישראל ביים בארג סיני וואס האט געטוהן דעם רצון השי"ת מכוח די פלאץ און די מצב אין וועלכע זיי האבן זיך געפונען. אבער וויבאלד זיי זענען נישט באמת געווען אין די מדריגה און זיי האבן נישט באמת געהאלטן דערביי, זענען זיי אנטלאפן נאכדעם ווי א תינוק הבורח מבית הספר און זיך אוועקגעקערט פונעם אייבישטער און צוגעקומען צו די ווייטערדיגע פורעניות.

דעריבער שטייט טאקע דייקא די פסוקים פון 'ויהי בנסוע' צווישן די צוויי פורעניות וואס ווערן דא דערמאנט, אונז צו לערנען אז די אופן פון חינוך דארף זיין "גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה" אוועקצושטעלן דאס קינד / דער מענטש אין א מצב וואס ער זאל נישט זוכן צו אנטלויפן, אפילו ווען די שמירה איז שוין נישט דא, אפילו ווען עס איז 'ויהי בנסוע' און ער גייט ארויס פון זיין נאטורליכע סביבה אדער נעסט פון די יונגע יארן, זאל ער אלעס אנהאלטן ווייטער מיט א שטארקע קיום, ער זאל דינען דעם אייבישטער מיט אהבה און שמחה פונעם אייגענעם גוטן ווילן וואס מ'האט אריינגעשיינט אין איהם.

## אויב ס'איז צו שווער איז עס נישט די ריכטיגע חינוך

אגב דארף מען צוליגן, ווען א מענטש איז מחנך זיינע קינדער אדער תלמידים דורכ'ן זיי 'אנזאָגן און באַפעלן' אנשטאט זיי אוועקצושטעלן יסודות'דיג און באלייכטן זייערע נפשות, וועט דאס זיין פיל א שווערערע ארבעט און יגיעה. אויב לערנט מען נישט אויס פארן קינד מיט אן אמת, נאר מ'האלט איהם אין איין זאגן און ווייזן וויאזוי צו טוהן אויף די מינוט, דאס קאסט שווערע כוחות, און עס ווערט לעול ולמשא. אזעלכע עלטערן אדער מחנכים וועלן שפירן ווי עס ליגט א שווערע לאַסט אויף זייערע פלייצעס, ווייל זיי מוזן די גאנצע צייט אָנכאַפן און ציען די שטריק, און אויב זיי זענען אמאל מסיח דעת פאר אביסל דאן איז דאָך ביטער. דאגעגן ווען מ'איז מחנך דאס קינד ריכטיג, מען לערנט איהם דעם וועג און מען העלפט איהם שטייגן און לייכטן, איז דאס פיל א גרינגערע עבודה, דאס

קינד ארבעט מיט און טוט פון זיך אליינס אפילו ווען מ'שטייט איהם נישט אויפן קאפ.

ווי מיר געפונען טאקע אין די פסוקים, אז משה רבינו האט זיך אויסגערעדט צום אייבישטער (י"א י"א) וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל ה' לָמָה הֲרֵעֹתָ לְעַבְדֶּךָ וְלָמָּה לֹא מָצָתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ לָשׂוּם אֶת מַשָּׂא כָּל הָעָם הַזֶּה עָלָי, רבונו של עולם פארוואס שלעפ איך אזא שווערע לאסט? ווי ער זאגט ווייטער "כִּי תֹאמַר אֵלַי שָׂאֵהוּ בְחֵיקֶךָ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיֹּנֵק" דו הייסט מיך טראגן דעם פאלק אזוווי איינער וואס ציהט אויף א זייגנדיגע קינד וואס מ'דארף האלטן נאנט די גאנצע צייט, "לֹא אוּכַל אָנֹכִי לְבַדִּי לָשֵׂאת אֶת כָּל הָעָם הַזֶּה כִּי כָבֵד מִמֶּנִּי" איך קען נישט אליינס טראגן דעם גאנצן פאלק, עס איז צו שווער פאר מיר.

ווייל דאס איז דעמאלטס באמת געווען די מצב פון כלל ישראל, מען האט זיי געדארפט טראגן און האלטן ווי א קליין קינד וואס שטייט נאכנישט אויף די אייגענע פיס, נאר מען דארף איהם ווייזן און זאגן און היטן אויף יעדן טריט.

**די עבודה פון אהרן הכהן דער מחנך פון כלל ישראל**

ווי וואונדערליך איז צוריק צו קומען דערמיט צו די דיוקים וואס מיר האבן מדייק געווען אינעם ערשטן טייל פון אונזער פרשה.

די פרשה פון "בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת" איז מרמז אויף די הייליגע עבודה פון אנצינדן אידישע נשמות ווי עס איז מבואר אין פילע **ספרים הקדושים**. אהרן הכהן דער גרעסטער מחנך פון כלל ישראל, דער "אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה" ווי די משנה רופט איהם אָן אין **מסכת אבות**, זיין תפקיד איז געווען אנצוצינדן הייליגע ליכטעלעך - די נר ה' נשמת אדם פון יעדע איד, ער האט אנגעצינדן א הייליגער פייער, א אוֹר און א ברען אין אידישע הערצער. דעריבער האט ער טאקע באקומען די טאג טעגליכע עבודה אינעם משכן, נישט ביי די חנוכת הבית ווען יעדער איינער האט א התרגשות און א התחדשות, דעמאלטס איז נישט קיין קונץ אז דאס אידיש הארץ זאל פלאקערן, דעמאלטס איז יעדער אנוועזנד און טוט דעם רצון השי"ת. די עיקר עבודה איז וואס טוט זיך נאכדעם... נאכדעם ווען די חנוכת הבית ענדיגט זיך, ווען מ'גייט אוועק פון די התחדשות און שמירה וואס מ'האט געהאט, דעמאלטס דארף מען זעהן אז עס זאל ווייטער שיינען און לייכטן, און ס'זאל חלילה נישט זיין כתינוק הבורח מבית הספר.

לערנט אונז די תורה הקדושה, אז ווען מען קומט מחנך זיין אידישע קינדער, דארף עס זיין אין א בחינה פון 'בהעלתך' וואס איז א לשון פון עֲלִיָּה און ארויפגיין, ווי **רש"י** ברענגט אין די צווייטע דרש אז ס'איז געווען טרעפ פאר די מנורה אויף וואס אהרן הכהן איז געשטאנען און געצינדן די מנורה אין די הייעך. הגם במציאות קען מען צינדן פון דער ערד ווי מיר האבן געפרעגט, אבער די תורה זאגט אונז אז כדי צו קענען אנצינדן אן אייביגע פלאם אין אידישע הערצער, כדי צו קענען ארויסברענגען דעם הערליכן אור וואס געפונט זיך אין אידישע קינדער, מוזן מיר צום ערשט גלייבן אז עס איז מעגליך, אז זיי האבן אין זיך די כלים און כוחות, זיי האבן אין זיך א הייליגע חלק אלוקי ממעל וואס קען באמת לייכטן און שיינען. און דעריבער דארף מען זיך 'אויפהייבן' און קוקן פון די הייעך, אזוווי אהרן הכהן האט געקוקט אויף יעדער איד מיט א העכערע און דערהויבענעם בליק. ווען מ'קוקט מיט פליישיגע אויגן און א גשמיות'דיגע בליק זעהט מען נישט אלעמאל די מעגליכקייט און גרויסקייט פון אידישע קינדער, אבער אז מען הייבט זיך אויף העכער, מ'קוקט מיט א רוחניות'דיגע בליק און מען גלייבט אין די מעלות פון א אידיש קינד, דאן קען מען איהם אנצינדן, מען קען אריינלייגן אין איהם די יסודות בשלימות, מען קען איהם אוועקשטעלן אויפן דרך המלך אויף א אופן פון גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה.

ווי אויך ליגט דא די ציווי פון "שצריך להדליק עד שתהא שלהבת עולה מאליה" אהרן הכהן איז געשטאנען און געווארט און געמאכט זיכער אנצוצינדן יעדע ליכטל באזונדער ביז די קנויט האט גוט געברענט און די פלאַם איז ארויף פון זיך אליין. ווייל נישט אלעמאל גייט עס גרינג, נישט אלעמאל געשעט עס תיכף ומיד, צומאל דארף מען ווארטן און פראבירן מיט געדולד, און זיך אפגעבן איינמאל און נאָכאַמאָל ביז מען איז זוכה צו דערגרייכן די נשמה פון א איד, עס נעמט צייט ביז מען קומט אָן צו די אינעווייניגסטע טיפקייטן פונעם נפש. מען דארף משקיע זיין כוחות, מען דארף מתפלל זיין הייסע תפלות, אבער דער סוף וועט זיין 'שתהא שלהבת עולה מאליה' אז מען וועט קענען באמת אנצינדן דעם הייליגן פייער, עס וועט שטיין און ברענען שיין לאורך ימים ושנים.

**וויאזוי מיר דארפן אנצינדן אונזערע ליכטלעך**

היוצא לנו, דאס איז דער לימוד וואס דארף אונז באגלייטן פון דא. חינוך אז אן עבודה פון 'אנצינדן' א הייליגע פייער אין אונזערע קינדער, נישט בלויז קאנטראלירן און הייסן וואס צו טוהן. מיר מוזן אופלייכטן זייערע נשמות אין א וועג וואס עס וועט בלייבן ברענען אין זיי און האבן א קיום, זיך אפגעבן מיט זיי און אריינבאקן אין זיי די יסודות פון תורה ומצוות, מיט אהבה און געדולד, און מיט'ן גלייבן אז זיי קענען! זיי קענען שיינען און לייכטן, און יעדער פון זיי האט די כוחות און מעגליכקייט צו שטייגן גאר הויעך און אויסנוצן זיינע מידות צום גוטן.

די עלטערן און מחנכים דארפן זיך אויפהייבן הויעך, קוקן מיט א העכערע און הייליגע בליק און זעהן די גרויסקייט און לעבטיגקייט פון יעדע אידישע נשמה. זיי דארפן צולייגן דעם פייער און שטיין און ווארטן מיט געדולד ביז די קנויט כאפט זיך אָן און די פלאַם ברענט שיין, [און דערנאך דארף מען טאקע אוועקציען די הענט און לאזן די פלאַם ברענען ווייטער פון זיך אליינס; נישט שטערן און נישט פארברענען חלילה]. און דערנאך וועט מען בעזהשי"ת זוכה זיין צו זעהן די שיינע און שלימות'דיגע ליכטיגקייט, אֶל מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, זיי וועלן ברענען לשם ולתפארת.

לסיכום געדענק:

- 'חינוך' איז נישט ווען מען קאנטראלירט די קינדער און מ'הייסט זיי א גאנצע צייט וואס צו טוהן. אזא חינוך האלט נישט לאנג, און דאס קינד ווערט שפעטער ווי א תינוק הבורח מבית הספר.
- די תכלית איז אוועקצושטעלן די קינדער און זיי באמת אויסלערנען דעם וועג אויף וועלבע זיי וועלן אליינס קענען גיין.
- מיר מוזן קוקן אויף זיי מיט א העכערע בליק און גלייבן אין זיי, אז יעדע קינד איז גוט און וואויל און קען עס עררייכן. ארבעטן מיט געדולד עד שתהא השלהבת עולה. און דערנאך אוועקציען די הענט.

## א לעבטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com